# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................8:13
מוצאי שב"ק......................9:43

**שיעורים כסדרן**
נ"ך........................נחום א'-ב'
בבלי........................יומא ס"ט
ירושלמי....................סוטה כ"ב
תוספתא......................פאה ב'
רמב"ם.....................נזירות ח'


פרשת חקת, ט' תמוז, אבות פרק ה', שנת תשפ"א לפ"ק

שנה 10, גליון 37 (504)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיִּשְׁלַח מֹשֶׁה מַלְאָכִים מִקָּדֵשׁ אֶל מֶלֶךְ אֱדוֹם כֹּה אָמַר אָחִיךָ יִשְׂרָאֵל אַתָּה יָדַעְתָּ אֵת כָּל הַתְּלָאָה אֲשֶׁר מְצָאָתְנוּ, מִיר לֶערְנֶען אִין דִי וָואכְנְדִיגֶע פַּרְשָׁה וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעשִׁיקְט שְׁלוּחִים צוּם קֶענִיג פוּן אֱדוֹם, דֶערְצֵיילְנְדִיג אִים אַלֶע שְׁוֶועריְקַייטְן וָואס דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אִין מִצְרַיִם, אוּן וִוי דִי אִידְן הָאבְּן גֶעשְׁרִיבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר הָאט זֵיי אַרוֹיסְגֶערַאטֶעוֶועט פוּן דָארְט, אוּן יֶעצְט בֶּעט עֶר אִים אַז עֶר זָאל לָאזְן דִי אִידְן דוּרְכְגֵייִן זַיין לַאנְד.

לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס הָאט אוֹיסְגֶעפֶּעלְט דִי גַאנְצֶע הַקְדָּמָה, אִים צוּ דֶערְצֵיילְן וָואס דִי אִידְן הָאבְּן אַלְץ מִיטְגֶעמַאכְט אִין מִצְרַיִם, פַארְוָואס הָאט עֶר נִישְׁט גְלַייךְ גֶעקֶענְט בֶּעטְן דִי טוֹבָה אַז עֶר וִויל דוּרְכְגֵיין דוּרְכְ'ן לַאנְד אֱדוֹם?

מְ'קֶען עֶס עֶרְקְלֶערְן לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצ"ה) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים ד', ב') בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי, דָוִד הַמֶּלֶךְ קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען מִיט דֶעם פָּסוּק, אַז אֲפִילוּ אִין דִי צָרָה אַלֵיין אִיז זִיכֶער אַלְץ אוֹיךְ דָא עֶפֶּעס אַן הַרְחָבָה, אוֹיסֶער דֶעם וָואס מִיר הָאפְן אוּן מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן אִינְגַאנְצְן פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי צָרָה, קֶען מֶען אָבֶּער אוֹיךְ טְרֶעפְן אִין דִי צָרָה אַלֵיין אַז סְ'אִיז נִישְׁט אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, סְ'וָואלְט גֶעקֶענְט זַיין פִיל עֶרְגֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אוֹיךְ עֶפֶּעס גוּטֶע זַאכְן אִין דִי צָרָה.

דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְחַזְּקוּת פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ דָאךְ זַיין פֶּעקְל צָרוֹת, קֵיינֶעם גֵייט נִישְׁט אַלֶעס אַזוֹי וִוי עֶר וִויל, אוֹיבּ וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ אָבֶּער גוּט בַּאטְרַאכְטְן, וֶועט עֶר זֶען אַז עֶר קֶען טְרֶעפְן אוֹיךְ גוּטֶע זַאכְן אִין דִי אַלֶע צָרוֹת, דִי אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען זֶענֶען דָאךְ נָאר אוֹיפְצוּוֶועקְן דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט דִי רִיכְטִיגֶע שֵׂכֶל, אוּן פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת קֶערְט עֶר זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז עֶר זוֹכֶה סוֹף כָּל סוֹף פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת.

דֶער כֹּחַ, צוּ טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ אִין אַלֶע צָרוֹת, קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועקְצוּגֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען דָאס לֶעבְּן גֵייט זֵייעֶר שְׁוֶוער, דָאס אִיז אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער כֹּחַ וָואס נָאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען בַּאשָׁאנְקֶען גֶעוָוארְן מִיט דֶעם, אִידִישֶׁע קִינְדֶער נֶעמֶען אָן בְּאַהֲבָה אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט פַאר זֵיי, אֲפִילוּ וֶוען זֵיי הָאבְּן דָאס נִישְׁט לִיבּ, זֵיי קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט שֵׁיידְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף קַיין שוּם פַאל. ווִידֶער דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם הָאבְּן נִישְׁט דֶעם כֹּחַ, וִוי נָאר זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט אִינֶעם גוּטְן רִיכְטוּנְג, הוֹיבְּן זֵיי אָן שֶׁעלְטְן אוּן שִׁימְפְן, זֵיי שֶׁעלְטְן אֲפִילוּ זֵייעֶרֶע אָפְּגֶעטֶער, וַוייל זֵיי הָאבְּן בִּכְלַל נִישְׁט דֶעם כֹּחַ צוּ טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי צָרוֹת.

חֲזַ"ל זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה ג.) אַז לֶעָתִיד לָבוֹא וֶועלְן דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם בֶּעטְן שְׂכַר אַזוֹי וִוי דִי אִידְן, וֶועט זֵיי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיסְפְּרוּבִּירְן מִיט דִי מִצְוָה פוּן סוּכָּה, אוּן וֶוען זֵיי וֶועלְן שׁוֹין זִיצְן אִין דִי סוּכָּה וֶועט וֶוערְן גָאר הֵייס, אוּן זֵיי וֶועלְן שְׁטוֹיסְן דִי סוּכָּה אוּן אַרוֹיסְגֵיין. דַאן וֶועט זִיךְ אַרוֹיסְשְׁטֶעלְן דֶער חִילוּק צְוִוישְׁן אַ אִיד אוּן אַ גוֹי, אֲפִילוּ וֶוען דֶער אִיד מוּז אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי סוּכָּה צוּלִיבּ הִיץ אָדֶער רֶעגְן, וֶועט עֶר אַרוֹיסְגֵיין מִיט הַכְנָעָה, אוּן וַוארְטְן אוּן בֶּענְקֶען צוּ קֶענֶען שׁוֹין צוּרִיקְגֵיין, אָבֶּער אַ גוֹי שְׁטוֹיסְט אוּן שֶׁעלְט אוֹיף דִי גַאנְצֶע זַאךְ.

רַשִׁ"י זָאגְט אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעשִׁיקְט זָאגְן פַארְ'ן קֶענִיג פוּן אֱדוֹם כֹּה אָמַר אָחִיךָ יִשְׂרָאֵל, עֶר הָאט דֶערְמַאנְט דִי בְּרִידֶערְשַׁאפְט צְווִישְׁן זֵיי, כְּדֵי אַרוֹיסְצוּבְּרֶענְגֶען אַז בֶּאֱמֶת וָואלְט אֱדוֹם אוֹיךְ גֶעדַארְפְט מְקַיֵים זַיין דֶעם חוֹב פוּן כִּי גֵר יִהְיֶה זַרְעֲךָ

<<<<<<

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אַ שֵׁיינֶער שִׁידוּךְ

חֲזַ"ל זָאגְן (מוֹעֵד קָטָן י"ח:) אַז אִין דִי תּוֹרָה, אִין נְבִיאִים, אוּן אִין כְּתוּבִים, זֶעעֶן מִיר אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט שִׁידוּכִים. אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כ"ד, נ'): "וַיַּעַן לָבָן וּבְתוּאֵל וַיֹּאמְרוּ מֵה' יָצָא הַדָּבָר". אִין נְבִיאִים שְׁטֵייט (שׁוֹפְטִים י"ד, ד'): "וְאָבִיו וְאִמּוֹ לֹא יָדְעוּ כִּי מֵה' הִיא". אוּן אִין כְּתוּבִים זָאגְט דֶער פָּסוּק (מִשְׁלֵי י"ט, י"ד): "בַּיִת וָהוֹן נַחֲלַת אָבוֹת וּמֵה' אִשָּׁה מַשְׂכָּלֶת". דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעגְרֵייט אַ גוּטֶער שִׁידוּךְ פַאר יֶעדְן אִיד. יֶעדֶער בָּחוּר אוּן יֶעדֶע מֵיידְל הָאבְּן זֵייעֶר בַּאשֶׁערְטֶע אָנְגֶעגְרֵייטֶע שִׁידוּךְ פוּן הִימְל.

חֲזַ"ל זָאגְן (יְבָמוֹת ס"ג.) "נְחוֹת דַּרְגָּא וּנְסֵיב אִיתְּתָא" - גֵיי אַרָאפּ אַ טְרֶעפְּל אוּן הָאבּ חֲתוּנָה מִיט אַ פְרוֹי. דָאס מֵיינְט אַז וִוי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס, אִיז עֶר נָאר פַארְנוּמֶען צוּ זָאגְן אַז דֶער שִׁידוּךְ פַּאסְט אִים נִישְׁט, אוּן יֶענֶער שִׁידוּךְ טוֹיג נִישְׁט, אוּן אַזוֹי גֵייט דוּרְךְ יָארְן אוּן עֶר קֶען נִישְׁט טְרֶעפְן קַיין שִׁידוּךְ. דֶערִיבֶּער לֶערְנֶען אוּנְז דִי הֵיילִיגֶער חֲכָמִים אַז אֵיידֶער מֶען זוּכְט אַ שִׁידוּךְ דַארְף מֶען אַרָאפְּגֵיין אַ טְרֶעפְּל, מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן אַזוֹי גְרוֹיס, אוּן דַאן וֶוען מֶען גְרִינְגֶערְהֵייט טְרֶעפְן אַ גוּטְן שִׁידוּךְ.

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ דֶעם זִיךְ נִישְׁט צוּ הַאלְטְן אַזוֹי גְרוֹיס? דָאס קוּמְט נָאר פוּן אֱמוּנָה. וֶוען מֶען נֶעמְט אִין זִיךְ אַרַיין דִי אֱמוּנָה, צוּ גְלֵייבְן מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, דַאן הַאלְט מֶען זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי גְרוֹיס אַז מֶען קֶען אַלֶעס אַלֵיין פַארְשְׁטֵיין אוּן אוֹיסְפִירְן, נָאר מֶען גֶעבְּט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען לָאזְט זִיךְ פִירְן פוּן אִים. אוּן וֶוען מֶען הֶערְט פוּן אַ שִׁידוּךְ וֶועט מֶען זִיךְ נָאר פְרֵייעֶן אַז עֶס אִיז דָא אֵיינֶער אִין דִי וֶועלְט וָואס אִיז מַסְכִּים זִיךְ מְשַׁדֵּךְ צוּ זַיין מִיט אִים, אוּן מֶען וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּזָאגְן קַיין שִׁידוּכִים.

אִין הִימְל לַאכְט מֶען פוּן אֵיינֶעם וָואס רֶעדְט זִיךְ אָפּ אוּן אִיז צוּבְּרָאכְן אַז עֶס אִיז שׁוֹין דוּרְךְ אַזוֹיפִיל יָארְן אוּן עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן קַיין שִׁידוּךְ. עֶס זֶענֶען דָא

<<<<<<

## א גוט ווארט

יֶעצְט בִּיסְטוּ גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל חוֹב, יֶעצְט דַארְפְסְטוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים, אַז דוּ הָאסְט אַ בֵּן זָכָר אוּן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים. דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט זִיךְ עֶפֶענֶען דִי הִימְלֶען, עֶס וֶועט קוּמֶען נָאךְ חֲסָדִים.

דָאס דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - בְּרֶענְגְט אַלֶעס גוּטְס; אִין אָנְהֵייבּ אִיז נִישְׁט גְרִינְג דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין אָנְהֵייבּ זָאלְסְט זָאגְן אֲפִילוּ בְּלוֹיז דִי וֶוערְטֶער: "יְיַשֵּׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר אַלֶעס", דָאס זָאלְסְטוּ זָאגְן טָאג אוּן נַאכְט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, דָאס וֶועט דִיר גְרִינְגֶער מַאכְן דָאס רֶעדְן, צוּבִּיסְלִיךְ וֶועסְטוּ קֶענֶען אוֹיסְרֶעכֶענֶען אַלֶעס אוּן דַאנְקֶען אוֹיף יֶעדֶע פְּרַט.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה קֹרַח תשפ"א)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# פָּטוּר וֶוערְן פוּן אַלֶע בִּיטֶערְנִישְׁן אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁלַח, י"ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַ בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט, זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע בְּרִיוו; אִיךְ וֶועל דִיר דָאס מִיטְטֵיילְן.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו פוּל מִיט בִּיטֶערְנִישׁ אוּן טַעֲנוֹת, דוּ בֶּעטְסְט מִיר אִיךְ זָאל דִיר שְׁרַייבְּן הַנְהָגוֹת וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, וֶועל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן:

א. זַיי פְרֵיילִיךְ.

ב. זַיי זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ.

ג. מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין וַוייבּ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (ראֹש הַשָּׁנָה ו:): "אִשָּׁה - בַּעְלָהּ מְשַׂמְּחָהּ"; דֶער מַאן דַארְף פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי וַוייבּ.

ד. אַרְבֶּעט אוֹיף דִי נְקוּדָה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן זַיי זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ אוֹיף דֶעם.

ה. זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן מִיט דַיינֶע פְרַיינְט נָאר פוּן שִׂמְחָה.

מוֹהֲרָא"ש פִירְט אוֹיס: "אֲנִי חוֹשֵׁב שֶׁזֶּה הַנְהָגָה הֲכִי חֲשׁוּבָה שֶׁאַתָּה צָרִיךְ בְּזֶה הָעוֹלָם", אִיךְ טְרַאכְט אַז דָאס אִיז דִי חָשׁוּב'סְטֶע הַנְהָגָה פַאר דִיר, "כִּי הָעִיקָּר בָּזֶה הָעוֹלָם הוּא רַק שִׂמְחָה", וַוייל דֶער עִיקָר אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ; **דָאס בְּרֶענְגְט צוּ יִשּׁוּב הַדַּעַת אוּן צוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת.**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דֶעם בְּרִיוו, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז דוּ וֶועסְט אוֹיךְ הֲנָאָה הָאבְּן פוּן דֶעם; אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אֲשֶׁר בַּנַּחַל שָׂם גּוֹרָלֵנוּ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁלַח תשפ"א)

---

>>>>>>

(בְּרֵאשִׁית ט"ו, י"ג), דֶערְפַאר זָאל עֶר נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת אַז דִי אִידְן בַּאקוּמֶען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פַאר זִיךְ, אוּן עֶר זָאל כָאטְשׁ אַזוֹיפִיל אַרוֹיסְהֶעלְפְן צוּ לָאזְן דִי אִידְן אַרִיבֶּערְגֵיין זַיין לַאנְד.

מִיט דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קֶען מֶען עֶס נָאךְ מֶער פַארְשְׁטֵיין, אַז דִי גוֹיִם וָואלְטְן קֵיינְמָאל זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אוּנְטֶערְנֶעמֶען מְקַיֵּים צוּ זַיין דֶעם חוֹב צוּ לַיידְן גָלוּת, וַוייל זֵיי וָואלְט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי שְׁוֶועריקֵייטְן, נָאר דִי אִידְן, וָואס טְרֶעפְן אַלְץ דִי הַרְחָבוֹת אִין דִי צָרוֹת, זֵיי וֵוייסְן אוּן גְלוֹיבְּן אַז אֲפִילוּ וֶוען זֵיי הָאבְּן צָרוֹת אִיז עֶס זִיכֶער נָאר אַ טוֹבָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר זֵיי הָאבְּן גֶעקֶענְט מִיטְמַאכְן דִי אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן, אוּן דוּרְךְ דֶעם זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן מְחַזֵּק זַיין, אֲפִילוּ וֶוען מִיר גֵייעֶן אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן צָרוֹת, זָאלְן מִיר גֶעדֶענְקֶען צוּ זוּכְן דִי טוֹבוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אוּנְז, דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מִיר בַּאקוּמֶען, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועלְן מִיר זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אִיבֶּער אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן, מִיר וֶועלְן זַיין פְרֵיילִיךְ נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס מִיר גֵייעֶן אַלְץ אַרִיבֶּער אִין לֶעבְּן, מִיר וֶועלְן זַיין אֶמֶת'דִיגֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן סְ'וֶועט אוּנְז גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(תּוֹךְ הַנַּחַל חֻקַּת תשס"ה)

---

>>>>>>

גֶענוּג שִׁידוּכִים פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, נָאר דֶער מֶענְטְשׁ - מִיט זַיין נַארִישֶׁע גַאֲוָה - וַוארְפְט אַלֶעס אַוֶועק מִיט דִי אֵייגֶענֶע הֶענְט.

מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זִיךְ גָאר אַסַאךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט שִׁידוּכִים, צוּ זֶען אַז עֶס זָאל וֶוערְן שִׁידוּכִים בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער. אֵיינְמָאל אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"ש אַן עֶלְטֶערֶער בָּחוּר, שׁוֹין אִין דִי דְרַייסִיגֶער יָארְן, וָואס מֶען הָאט אִים אָנְגֶעטְרָאגְן גָאר אַסַאךְ שִׁידוּכִים, אוּן עֶר הָאט אֵייבִּיג גֶעטְרָאפְן עֶפֶּעס גוּטֶע תֵּירוּצִים פַארְוָואס אָפְּצוּזָאגְן דִי שִׁידוּכִים. מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים אוּן אִים פְּרוּבִּירְט אִיבֶּערְצוּרֶעדְן אַז עֶר זָאל מַסְכִּים זַיין צוּ אַ שִׁידוּךְ, אוּן דֶער בָּחוּר הָאט זִיךְ נָאר פְּרוּבִּירְט אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן מִיט אַלֶע סָארְט תֵּירוּצִים, בִּיז עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ מוֹהֲרָא"ש: "אִיךְ קוּם דָאךְ פוּן גָאר אַ גְרוֹיסֶע יִחוּס, אִיךְ בִּין דָאךְ אַן אֵיינִיקְל פוּנֶעם הֵיילִיגְן טוּרֵי זָהָב, עֶס פַּאסְט נִישְׁט פַאר מִיר צוּ טוּן אַ פָּשׁוּטֶער שִׁידוּךְ"... הָאט אִים מוֹהֲרָא"ש גֶעעֶנְטְפֶערְט: "גְרַאדֶע אִיז דִי מֵיידְל אוֹיךְ פוּן גָאר אַ גְרוֹיסֶע יִחוּס, זִי אִיז אַן אֵיינִיקְל פוּנֶעם הֵיילִיגְן מָגֵן אַבְרָהָם"... וֶוען דֶער בָּחוּר אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן אַז זִי אִיז אַן אֵיינִיקְל פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט (בְּרֵאשִׁית ט"ו, א') "אָנֹכִי מָגֵן לָךְ"...

אֵיינְמָאל וֶוען מוֹהֲרָא"ש אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן אַ שִׁידוּךְ שְׁלִיסְן בַּיי אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט דֶעמָאלְט: "דָאס וֵוייסְן זֵיי נִישְׁט אַז אִיךְ בִּין דֶער גְרֶעסְטֶער מְחוּתָּן בַּיי דֶעם שִׁידוּךְ". וַוייל דֶער בָּחוּר הָאט בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט גֶעוָואלְט מַסְכִּים זַיין צוּם שִׁידוּךְ צוּלִיבּ זַיינֶע נַארִישֶׁע דִמְיוֹנוֹת אוּן אַיינְרֶעדֶענִישְׁן, אוּן מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים זֵייעֶר אַסַאךְ בִּיז עֶר הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען.

מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן דֶערְצֵיילְט אַז עֶס הָאט אִים גֶענוּמֶען זֵייעֶר אַ לַאנְגֶע צַייט צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ פַאר זַיין טָאכְטֶער, וַוייל עֶר אִיז גֶעקוּמֶען פוּן מְיוּחָס'דִיגֶע פַאמִילְיֶע, אוּן עֶר הָאט גֶעזוּכְט דַוְקָא גָאר אַ שֵׁיינֶע יִחוּס, בִּיז צוּם סוֹף הָאט עֶר עֶנְדְלִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ שֵׁיינֶע מְיוּחָס'דִיגֶע מִשְׁפָּחָה מִיט וֶועמֶען עֶר הָאט זִיךְ מְשַׁדֵּךְ גֶעוֶוען, אָבֶּער קוּרְצְלִיךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דֶער חָתָן אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט, עֶר אִיז נִישְׁט אִינְגַאנְצְן בַּיים דַעַת, אוּן דִי נֵייעֶ פָּאר-פָאלְק הָאט זִיךְ לַיידֶער גֶעמוּזְט גֶט'ן.

דֶער גֶט אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען מִיט גָאר אַסַאךְ צַעַר, עַגְמַת נֶפֶשׁ, אוּן בִּזְיוֹנוֹת. מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט שְׁלֶעכְטֶע שְׁמוּעוֹת אוֹיף זַיין טָאכְטֶער, אַזוֹי וִוי עֶס פַּאסִירְט לֵיידֶער זֵייעֶר אַסַאךְ בַּיי אַזֶעלְכֶע פֶעלֶער וֶוען אֵיינֶער וִויל נָאר בַּאגְרָאבְּן דֶעם צְוֵוייטְן. אוּן נָאךְ פִילֶע צָרוֹת אוּן שְׁוֶועריקֵייטְן הָאט מֶען אִים אָנְגֶעטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ פַאר זַיין טָאכְטֶער פוּן אַ וַוייטֶע לַאנְד, אוּן פוּן גָאר אַ פָּשׁוּטֶע פַאמִילְיֶע, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּם שִׁידוּךְ, עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אַז עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס אִיז בִּכְלַל מַסְכִּים צוּ זִיךְ צוּ מְשַׁדֵּךְ זַיין מִיט אִים, אוּן אַזוֹי קֶענֶען פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי בִּזְיוֹנוֹת.

דֶער אִיד הָאט גֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא"ש: "אִיךְ וָואלְט קֵיינְמָאל אִין לֶעבְּן נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ אַזַא סָארְט שִׁידוּךְ, דָאס לֶעבְּן הָאט מִיר אָבֶּער אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען פְרֶעגְט נִישְׁט קַיין סַאךְ שְׁאֵלוֹת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר וֶועט סֵיי וִוי מוּזְן טוּן נָאר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל".

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ג' עֶרֶךְ זִוּוּגִים)

---

## נָאר זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָה י"א, ט') "וּמָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת ה', כַּמַּיִם לַיָּם מְכַסִּים", וֶוען מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וֶועט קוּמֶען וֶועט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וֶוערְן פוּל מִיט אֱמוּנָה, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶועט אַלֵיין וִויסְן אוּן זֶען אַז עֶס גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רמ"ב) אַז דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אִין דִי קַבָּלָה שְׁפְּרַאךְ "אֲרִיךְ אַנְפִּין דִקְדוּשָּׁה", דָאס מֵיינְט אַז וואוּ אַ מֶענְטְשְׁן זָאל זִיךְ נָאר דְרֵייעֶן, וואוּ אַ מֶענְטְשׁ זָאל נָאר קוּקְן, זֶעט עֶר אִיבֶּעראָל נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר זֶעט אוֹיף דֶער וֶועלְט, מַאכְט אִים טְרַאכְטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט בַּאשַׁאפְן דִי זַאךְ, אוּן עֶר גֶעבְּט עֶס לֶעבְּן.

עֶס אַרְבֶּעט אָבֶּער אַזוֹי, אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס אִיז דָא אִין דִי קְדוּשָּׁה אִיז אוֹיךְ דָא אִין דִי טוּמְאָה. עֶס אִיז אוֹיךְ פַארְהַאן אַן "אֲרִיךְ אַנְפִּין דִקְלִיפָּה", דָאס אִיז פוּנְקְט פַארְקֶערְט וִוי דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע, דָאס מֵיינְט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי אַרַיינְגֶעטוּן אִין שְׁמוּץ, אַז וואוּ עֶר גֵייט נָאר אוּן וואוּ עֶר קוּקְט נָאר, זֶעט עֶר אִיבֶּעראָל נָאר שְׁמוּץ.

דָאס זֶעט מֶען מַמָּשׁ הַיינְטִיגֶע צַייטְן, אַזוֹי וִוי מִיר הַאלְטְן שׁוֹין אַזוֹי נָאנְט צוּ דִי גְאוּלָּה, וֶוען יֶעדֶער וֶועט נָאר זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערִיבֶּער אִיז הַיינְט דָא אַזוֹי שְׁטַארְק דָאס פַארְקֶערְטֶע. עֶס אִיז לֵיידֶער אַזוֹי גְרִינְג הַיינְט צוּ זֶען אַזוֹיפִיל שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, דֶער יֵצֶר הָרַע שְׁטֶעלְט צוּ אַזַא גְרוֹיסֶע אוֹיסְוַואל פוּן שְׁמוּץ, יֶעדֶער קֶען לַיידֶער אָנְקוּמֶען צוּ זֶען דִי עֶרְגְסְטֶע סָארְט גֶעמֵיינֶע נִידְרִיגֶע זַאכְן, עֶס אִיז לֵיידֶער אַזוֹי גְרִינְג אַרַיינְצוּפַאלְן אִין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אוּן אֵיינְמָאל אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַיין אִין דֶעם אִיז שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן דֶערְפוּן.

אַ אִיד דַארְף אָבֶּער שְׁטֶענְדִיג וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז עֶר אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְפַאלְן. עֶס אִיז אֵייבִּיג דָא אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם. אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ שׁוֹין צוּגֶעוואוֹינְט פַאר לַאנְגֶע יָארְן צוּ קוּקְן אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, עֶס זֶעט אִים אוֹיס וִוי עֶס אִים בִּכְלַל נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן דֶערְפוּן, דַארְף עֶר אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען אַז אוֹיבּ וֶועט עֶר פָאלְגְן דִי עֵצוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, וֶועט עֶר זִיכֶער קֶענֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן דֶערְפוּן, אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

(קוּנְטְרֵס רֵיינֶע אוֹיגְן)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קט)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: רֶבִּי נָתָן עֶסְט דִי סְעוּדָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן שְׁפִּירְט וִוי דֶער רֶבִּי רֶעדְט צוּ אִים בַּיים זִינְגֶען דִי זְמִירוֹת.**

**תיג**

אִינְמִיטְן דִי סְעוּדָה הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, "אִין אָנְהוֹיבּ וֶוען אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען דָא אוֹיף בְּרֶסְלֶב, בִּין אִיךְ אַמָאל גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים טִיר פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶע'מוּסָר'ט דֶעם עוֹלָם וֶועגְן דַאוֶונֶען, פַארְוָואס זֵיי דַאוֶונֶען נִישְׁט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין. אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעזָאגְט אַז מְ'הֶערְט נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם פוּן דִי מִתְפַּלְלִים קַיין שׁוּם קְלַאטְשְׁן!"

דַאן אִיז דֶער רֶבִּי אַרַיין אִין אַ לֶענְגֶערֶע שְׁמוּעֶס אִיבֶּער דֶעם, בִּיז עֶר הָאט גֶעזָאגְט דֶעם מַאֲמָר וָואס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן מ"ד, וָואס רֶעדְט אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן קְלַאטְשְׁן מִיט דִי הֶענְט בַּיים דַאוֶונֶען.

**תיד**

נָאכ'ן בֶּענְטְשְׁן אִיז דֶער עוֹלָם זִיךְ צֶעגַאנְגֶען פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס טִישׁ, יֶעדֶער צוּ זַיין הוֹיז, אָבֶּער רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי אָנְגֶעפִילְט מִיט הִתְרַגְשׁוּת אוּן הִתְעוֹרְרוּת אַז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין שְׁלָאפְן. עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט אוּן גֶעזֶעסְן דָארְט דִי גַאנְצֶע נַאכְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן הוֹיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִין בְּרֶסְלֶב בְּרֶענְט אַ גְרוֹיסֶער פֵייעֶר; פֵייעֶר מִיר אַרַיין דָאס פֵייעֶר אִין הַארְצְן אַרַיין!**", אַזוֹי הָאט עֶר גֶעוֵויינְט דָארְט דִי גַאנְצֶע נַאכְט מִיט גְרוֹיס בֶּענְקְשַׁאפְט.

**תטו**

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אִינְדֶערְפְרִי בַּיי דִי סְעוּדָה הָאט דֶער רֶבִּי ווִידֶער גֶערֶעדְט אַסַאךְ מִיט רֶבִּי נָתָן, עֶר הָאט אִים מְרַמֵּז גֶעוֶוען רְמָזִים וִוי אַזוֹי עֶר זָאל זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, עֶר זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן זִיךְ הַאלְטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק.

**תטז**

**מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נִצָּבִים**, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶענוּמֶען אַ פַּאפִּיר מִיט טִינְט אוּן אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן פַאר זִיךְ דֶעם מַאֲמָר וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס [זֶע פְרִיעֶר אִין סִימָן תי"ג].

**תיז**

דֶער רֶבִּי הָאט שְׁפֶּעטֶער גֶעזָאגְט, "מִיר הָאבְּן אַיינְגֶענוּמֶען דֶעם שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב מִיט קְלַאטְשְׁן אוּן טַאנְצְן", וַוייל אִין דֶעם מַאֲמָר הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט פוּן קְלַאטְשְׁן, אוּן אוּם וִוינְטֶער שְׁנַת תקס"ג הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דֶעם מַאֲמָר וָואס רֶעדְט זִיךְ פוּן קְלַאטְשְׁן אוּן טַאנְצְן [זֶע וַוייטֶער אִין סִימָן תנ"ז], אוּן אַזוֹי אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי אַסַאךְ גֶעטַאנְצְן יֶענֶעם יָאר.

## שְׁנַת תקס"ג

**תיח**

**זוּנְטָאג, עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה תקס"ג**, אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט אַ יְרִיד אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב. דֶער טַאטֶע פוּן רֶבִּי נָתָן אוּן זַיין וַוייבּ הָאבְּן גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט מִסְתָּמֶא נָאךְ הַיינְט צוּרִיק אַהֵיימְקוּמֶען, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר עֶטְלִיכֶע פוּן זַיינֶע בַּאקַאנְטֶע אִין נֶעמִירוֹב, וָואס זֶענֶען גֶעפָארְן צוּם יְרִיד אִין בְּרֶסְלֶב, אַז אוֹיבּ וֶועלְן זֵיי טְרֶעפְן דָארְט רֶבִּי נָתָן, זָאלְן זֵיי אִים זָאגְן עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען.

אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, דִי מֶענְטְשְׁן פוּן נֶעמִירוֹב הָאבְּן גֶעטְרָאפְן רֶבִּי נָתָן אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר פָארְט אַהֵיים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז דֶער יְרִיד אִיז נָאכְנִישְׁט פַארְטִיג.

וֶוען דִי סוֹחֲרִים זֶענֶען אַהֵיימְגֶעקוּמֶען קַיין נֶעמִירוֹב, אוּן דֶער טַאטֶע פוּן רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזֶען אַז זַיין זוּן אִיז נִישְׁט צוּרִיק גֶעקוּמֶען, אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר בְּרוֹגֶז, עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעשֶׁעמְט אַז זַיין זוּן, וָואס אִיז אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן, הָאט בִּכְלַל שַׁיְיכוּת מִיט דִי חֲסִידִים, אוּן נָאכְדֶערְצוּ מִיט "וִידוּי'נִיקֶעס", וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען צוּ שַׁאנְד אוּן שְׁפָּאט אוֹיךְ בַּיי דִי אַנְדֶערֶע חֲסִידִים.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## חִיזוּק אִין כִּיבּוּד אָב, וֶוען דֶער שַׁבָּת טִישׁ אִיז זֵייעֶר נִישְׁט גֶעשְׁמַאק?

***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ וִויל זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי לִיכְטִיגֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מַמָּשׁ אַ יָחִיד בְּדוֹרֵנוּ מִיט אַזַא קְלָארְקֵייט פַאר אוּנְזֶער דוֹר, לָדַעַת אֶת הַמַּעֲשֶׂה אֲשֶׁר יַעֲשׂוּן. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה צִיעֶט אַרוֹיס מַמָּשׁ מִיט אַ צְוֶוענְגֶל פוּן יֶעדְן זַיין גוּטְן חֵלֶק צוּ וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד, אַזוֹי וִוי דִי רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט "וִוי אִיךְ מֵיין אַ עֶרְלִיכֶע אִיד". יֶעדֶע שִׁיעוּר וָואס וֶוערְט גֶעגֶעבְּן הֶערְט זִיךְ אַרוֹיס דֶערְפוּן דִי אֱמֶת'דִיגְקֵייט אוּן תְּמִימוּת אוּן שְׁטַארְקֶע מְסִירוּת נֶפֶשׁ וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אוּן לֵייגְט אַרַיין אִין דִי שִׁיעוּרִים, עֶס הָאט מַמָּשׁ גֶעעֶפְנְט מַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע ווִילְן צוּ זַיין גוּט, אוּן אוֹיךְ אוֹיף לְמַעֲשֶׂה.

אִיךְ בִּין דֶער תַּכְשִׁיט אִין מַיין מִשְׁפָּחָה, יֶעדֶער קוּקְט מִיר אַרוֹיף אוּן מְ'זָאגְט אַז מְ'זָאל זַיין אַזוֹי וִוי מִיר, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה גֵיי אִיךְ דָאס יָאר צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל עֶנְדִיגְן שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם מִיט רוֹב רַשִׁ"י, אִיךְ הָאבּ אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת, אִיךְ הֵייבּ אָן צוּ ווִיסְן "בֶּאֱמֶת" וִוי אַזוֹי דִי תּוֹרָה זֶעט אוֹיס, אִיךְ פְרֶעג מַיינֶע "חָשׁוּבֶע" חֲבֵרִים זַאכְן פוּן חוּמָשׁ אוּן זֵיי הֵייבְּן נִישְׁט אָן צוּ ווִיסְן, אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט בִּיז דָאס יָאר.

מַיין חָבֵר אִיז גֶעגַאנְגֶען נֶעמֶען חָתָן שִׁיעוּרִים בַּיי אֵיינֶער פוּן דִי גְרוֹיסֶע בַּאקַאנְטֶע מַדְרִיכִים, אוּן יֶענֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט אֵיינְמָאל שְׁטִילֶערְהֵייט בְּסוֹד סוֹדוֹת, "ווִילְסְט ווִיסְן וֶוער ס'הָאט דִי בֶּעסְטֶע שָׁלוֹם בַּיִת? ר' יוֹאֵל רוֹטְה'ס תַּלְמִידִים! כְ'זָאג נִישְׁט אַז אִיךְ הַאלְט פוּן אִים, אָבֶּער דֶער פַאקְט אִיז אַז זַיינֶע תַּלְמִידִים הָאבְּן גָאר גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת", וֶוען מַיין חָבֵר הָאט מִיר דָאס דֶערְצֵיילְט הָאבּ אִיךְ גֶעקְלֶערְט אַז אִיךְ וֶועל אוֹיסְפְּרוּבִּירְן צוּ הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים, אוּן בָּרוּךְ ה' אַז דָאס הָאט מִיר גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי פִיס אוּן מִיר גֶעמַאכְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ אוּן פַאר אַ אִיד, אוּן אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְזוּכְן פַאר נָאךְ אִינְגֶעלַייט.

אִיךְ וִויל בֶּעטְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיר שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל חִיזוּק בְּעִנְיַן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אֲפִילוּ וֶוען ס'אִיז מִיר גֵייסְטִישׁ גָאר שְׁוֶוער, מַיין טַאטֶע שְׁפִּירְט פַאר ווִיכְטִיג בַּיי יֶעדֶע סְעוּדָה שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב מוֹחֶה צוּ זַיין אוֹיף פִּירְצוֹת אוּן אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען זַיינֶע שִׁיטוֹת, וּבִפְרַט וֶוען דִי קָאפְּלְס קוּמֶען, עֶס נֶעמְט אַוֶועק יֶעדֶע זִיסֶער טַעַם פוּן אִידִישְׁקֵייט, אוּן ס'אִיז זֵייעֶר נִישְׁט גֶעשְׁמַאק.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת קֹרַח, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע מִצְוָה, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים בַּאטִיטְלֶען דִי מִצְוָה (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה א, א): "חֲמוּרָה שֶׁבַּחֲמוּרוֹת", הַארְבֶּער פוּן דָאס הַארְבְּסְטֶע; דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז נִישְׁט נָאר וֶוען עֶס אִיז בַּאקְוֶועם דֶעם מֶענְטְשׁ, כִּיבּוּד אָב וָאֵם דַארְף מֶען טוּן אִין אַלֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן, אוֹיךְ וֶוען דִי עֶלְטֶערְן שְׁרֵייעֶן, זֵיי בֵּייזֶערְן זִיךְ אוּן זֵיי פַארְשֶׁעמֶען, אִין אַלֶע צַייטְן דַארְף מֶען זֵיי מְכַבֵּד זַיין.

וָואס גֵייט דִיר אָן אַז דַיין טַאטֶע אִיז מוֹחֶה וְכוּ'? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ קוּקְן אוֹיף אִים מִיט זִלְזוּל? פַארְוָואס זִיךְ שֶׁעמֶען מִיט אַ טַאטֶע וֶוען עֶר הָאט זַיין שִׁיטָה, זַיין וֶועג – וִוי אַזוֹי עֶר פִירְט זִיךְ? אִיךְ וִויל דִיר פְרֶעגְן, וֶוען דוּ זֶעסְט אַ

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

פְרֶעמְדֶער מֶענְטְשׁ מוֹחֵל זַיין, וָואלְט דִיר עֶס אָנְגֶעגַאנְגֶען? וֶוען דוּ זֶעסְט אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אַ פְרֶעמְדֶער מֶענְטְשׁ שְׁרֵייט אוּן אִיז מוֹחֵל - וָואלְסְטוּ זִיךְ גֶעשֶׁעמְט? עֶס וָואלְט דִיר גֶעבַּאדֶערְט? זִיכֶער נִישְׁט, פַארְוָואס זָאל אָנְגֵיין וָואס אַ צְוֵוייטֶער טוּט? וָואס זָאל שְׁטֶערְן וֶוען אֵיינֶער אִיז מוֹחֵל? פְרֶעג אִיךְ דִיר, וַוייל עֶס אִיז דַיין טַאטֶע דַארְפְסְטוּ זִיךְ אוֹיפְעֶסְן? וַוייל עֶס אִיז דַיין טַאטֶע דַארְפְסְטוּ זִיךְ שֶׁעמֶען? וֶוער הָאט דִיר גֶעבֶּעטְן טְרָאגְן אַחְרַיוּת אוֹיף אִים? וֶוער הָאט דִיר גֶעבֶּעטְן דוּ זָאלְסְט אִים אַיינְטֵיילְן דֵעוֹת? וֶוען דַיין טַאטֶע אִיז מוֹחֵל זָאלְסְטוּ אִים אוֹיסְהֶערְן בְּאֵימָה וּבְיִרְאָה, וֶוען עֶר זָאגְט דַיינֶע שִׁיטוֹת זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶער לַאכְן. אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט נֶעמֶען קַיין אַחְרַיוּת, דוּ וֶועסְט נִישְׁט שְׁפִּירְן וִוי דוּ דַארְפְסְט גֶעפֶעלְן פַאר אַנְדֶערֶע - וֶועט דִיר עֶס נִישְׁט אָנְגֵיין.

רוֹב קִינְדֶער שֶׁעמֶען זִיךְ מִיט זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן וַוייל זֵיי מֵיינֶען אַז זֵיי זֶענֶען אַחְרָאִי וִוי אַזוֹי דִי עֶלְטֶערְן טְרַאכְטְן, רֶעדְן, טוּעֶן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אַנְשְׁטָאט נֶעמֶען אַחְרַיוּת אוֹיף זִיךְ אַלֵיינְס, אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ צוּ פִירְן וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף זִיךְ פִירְן - זוּכְט מֶען חֶסְרוֹנוֹת בַּיי דִי עֶלְטֶערְן. אַנְשְׁטָאט פַארְרֶעכְטְן דִי אֵייגֶענֶע חֶסְרוֹנוֹת אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף טַאטֶע מַאמֶע, נִישְׁט אַרַיינְרֶעדְן אִין זֵייעֶר הַנְהָגָה, נִישְׁט חוֹזֵק מַאכְן וִוי אַזוֹי זֵיי פִירְן דִי שְׁטוּבּ - אִיז מֶען פַארְנוּמֶען פַארְרֶעכְטְן דִי עֶלְטֶערְן.

אַז דוּ ווִילְסְט שְׁפִּירְן אַ זִיסְקֵייט אִין אִידִישְׁקֵייט, אַ טַעַם אִין אִידִישְׁקֵייט - זָאלְסְטוּ גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ ווִיל דִיר שְׁפִּירְן, אִיךְ ווִיל דִיר לִיבּ הָאבְּן, אִיךְ ווִיל טוּן דִי מִצְוָה מִיט אַ לִיבְּשַׁאפְט אוּן אַ שִׂמְחָה״, בֶּעט אוֹיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן מַיין טַאטֶע מַאמֶע, אִיךְ זָאל זֵיי מְכַבֵּד זַיין אוּן שֶׁעצְן״.

הִתְבּוֹדְדוּת אוּן תְּפִילָּה בְּרֶענְגְט זִיסְקֵייט אוּן אַ טַעַם אִין אִידִישְׁקֵייט; אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶס וֶועט דִיר שׁוֹין מֶער נִישְׁט שְׁטֶערְן וִוי אַזוֹי מֶענְטְשְׁן פִירְן זֵייעֶר שְׁטוּבּ, דוּ וֶועסְט זֶען דָאס שֵׁיינְקֵייט בַּיי אַלֶעמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה קֹרַח תשפ״א)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# מען פארט ארויס אויף זומער צו די בערג

אזוי ווי אלע יארן, וועלן די בחורים אויך דאס יאר ארויספארן צו בערג אויף זומער, צו ווײלן אין די זומער וואכן ווייט אוועק פון די שטאט, וואו זיי וועלן אויסניצן די טעג פון זומער מיט תורה און עבודה, אפגעזונדערט פון די אלע שטאטישע פראבלעמען, און זיך קונה זיין אסאך גוטע זאכן.

אזוי ווי די פארגאנגענע יאר וועלן די בחורים דאס יאר אויך ווײלן אינעם ברסלב׳ער שטעטל, קרית ברסלב ליבערטי, וואו זיי וועלן שטייגן אין תורה ויראת שמים און זיך צוגרייטן אויף ראש השנה ווי עס דארף צו זיין.

דער טעגליכער שיעור התחזקות וואס דער ראש ישיבה שליט״א געבט אום זומער אין שטעטל יעדע נאכט בערך 8 אזייגער איז שוין ברייט באקאנט, יאר יערליך קומען יעדע נאכט צו פארן אידן פון די נאנט און ווייט, צו הערן אביסל ווארימע ווערטער און זיך דערכאפן דאס הארץ, און זיך דערמאנען א קוק צו טון אויפן הימל, און געדענקען אז נאר דער באשעפער פירט די וועלט ווי אזוי ער וויל, און מ׳דארף זיך ווענדן נאר צו אים.

די זומער וואכן זענען די בעסטע הכנה צו די הייליגע טעג, מען פארברענגט נאר מיט די ביימער און הימל און מיט׳ן אייבערשטן, עס איז גארנישט דא פאר די אויגן, נאר זיך קונה צו זיין תורה ותפלה ויראת שמים, און מיט דעם צוגיין צום ראש השנה, דער יום הדין, מיט די אלע גוטע זאכן וואס מען האט זיך איינגעקויפט אינעם זומער.

נאך זומער וועלן אלע בחורים פארן אינאיינעם מיט׳ן אייבערשטנ׳ס הילף אויף ראש השנה קיין אומאן, אזוי ווי די לעצטיגע יארן וואס אלע בחורים פארן אינאיינעם מיט׳ן ראש ישיבה, און רעכטן אפ דעם יום טוב אין אומאן די תפלות און די סעודות בדיבוק חברים.

מיט׳ן אייבערשטנ׳ס הילף וועט דער זומער אויך זיין א גרויסע סוקסעס, אזוי ווי אין די פארגאנגענע יארן, און זיך אנשעפן פילע הויפענעס מיט תורה ויראה.

**ההרים והגבעות יפצחו לפניכם רנה!**

***

# אוקריינע דערלייכטערט פארשידענע קאוויד רעגולאציעס אריינצוקומען

געלויבט דער אייבערשטער אז מען גרייט זיך שוין צו פארן צום הייליגן רבי׳ן אויף ראש השנה תשפ״ב הבעל״ט. פילע גרייטן שוין צו די "מתנות" וואס מען וועט ברענגען פאר׳ן הייליגן רבי׳ן, דער פלאנט בעז״ה צו ענדיגן עטליכע מסכתות אין ש״ס, אנדערע ענדיגן תיקוני זוהר, און פילע אנדערע לימודים. אזוי אויך קויפט שוין דער עולם די טיקעטס אין גרויסן.

אין אומאן גרייט מען זיך שוין צו אויף די פילע מאסן וואס וועלן מיטן אייבערשטנ׳ס הילף קומען, אלע הכנסת אורחים׳ס קויפן שוין איין ריזיגע קוואנטומס פון עסן צו געבן פאר די צענדליגע טויזנטער אידן. ועל כולם, גיסן אידישע קינדער טויזנטער תפילות, אז אלעס זאל דורכגיין בשלום און מען זאל טאקע זוכה זיין דאס יאר אנצוקומען צום הייליגן רבין און קענען צוברעכן אלע מניעות און שוועריקייטן.

יעצט קומט אריין די גוטע נייעס, אז די קאבינעט אין דער אוקריינער רעגירונג האט באשטעטיגט עטליכע טוישונגען אין די רעגולאציעס וואס וועלן פארגרינגערן פאר אויסלענדישע בירגער אריינצוקומען קיין אוקריינע.

וואקסין: די וואס ברענגען באוויז אז זיי זענען וואקסינירט (מיט א וואקסין וואס דער אוקריינער רעגירונג באשטעטיגט - אריינגערעכענט, פפייזער, דזשאנסאן ענד זשאנסאן, עסטרע זענעקע, מאדערנע) וועלן אריינגעלאזט ווערן אן קיין שום טעסט.

טעסט: נישט וואקסינירטע וועלן ווי ביז יעצט דארפן ברענגען א נעגאטיוו קאוויד טעסט. אבער אנשטאט ווי ביז יעצט האט מען געדארפט האבן דוקא א "פי-סי-אַר" טעסט (וואס נעמט כאטש עטליכע שעה צו באקומען די רעזולטאטן), וועט מען ערלויבן אויך "רעפיד" טעסטס (וואס מען באקומט די רעזולטאטן אין עטליכע מינוט). דער טעסט וועט דארפן גענומען ווערן - ווי ביז איצט - אין די 72 שעה פאר׳ן אנקומען קיין אוקריינע.

קינדער: קינדער אונטער 12, וועלן נישט דארפן האבן קיין שום טעסט אדער וואקסין.

אינשורענס: דער פארלאנג צו האבן אוקריינישע אינשורענס בלייבט דערוויל אין קראפט.

מען זעט ווי תפילות ישראל עושה רושם, און די רעגולאציעס ווערן נאר מער און מער פארגרינגערט. און מען בעט און מען האפט ווייטער אז מען זאל טאקע זוכה זיין אנצוקומען קיין אומאן אויף ראש השנה און זיין ביים הייליגן רבי׳ן, און באקומען די געוואלדיגע הבטחות וואס ער האט צוגעזאגט פאר די וואס קומען צו אים אויף ראש השנה.

**הראש השנה שלי עולה על הכל!**


## אומאן ראש השנה!

**אלע אייערע געברויכן פאר אומאן**

**עירליין טיקעטס; טרעוול אינשורענס; און נאך**

**< בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס >**

אייער פריינד
**אלי קנאלל**
**718-506-4341**

Plan it Rite
Travel the right way



## סימן טוב ומזל טוב

מו״ה **פנחס דוד וועבערמאן** הי״ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו״ה **חיים שלום קרויס** הי״ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב



## אלעמאל עוועליבעל

**א בעל צדקה, א דאקטער, א טערעפיסט, א שלום בית מאכער, א שדכן, א חינוך ספעציעליסט; וואס איז אלץ עוועליבעל**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 7, 2, 45**



## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, ״עצתו אמונה״, דרשות, ניגונים, סידי״ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

און מיר וועלן פרובירן בעז״ה עס צו שיקן צו אייך אהיים



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**



**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**